**גאווערנער קעטי האקול** **איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 09/28/2023

## גאווערנער האקול מעלדט $2.6 מיליאן צו שטיצן קריטישע פארבעסערונגען פאר וועטעראנען'ס נאן-פראפיט ארגאניזאציעס

***פראגראמען שטיצן וועטעראנען, סערוויס מיטגלידער, און זייערע פאמיליעס***

***ווערט באצאלט דורך דעם וועטעראנען'ס נאן-פראפיט קאפיטאל פראגראם וועט פארבעסערן פאסיליטעטן אינעווייניג און אינדרויסן דורך קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס***

גאווערנער קאטי האקול האט היינט געמאלדן געלט פון $2.6 מיליאן אין גרענטס פאר 39 וועטעראנען ארגאניזאציעס דורכאויס דער סטעיט דורך דעם וועטעראנען'ס נאן-פראפיט קאפיטאל פראגראם. די גרענטס וועלן שטיצן געניסער'ס באמיאונגען צו פארברייטערן און פארבעסערן קוואליטעט סערוויסעס וועלכע זענען אוועילעבל צו די סטעיט'ס וועטעראנען, סערוויס מיטגלידער, און זייערע פאמיליעס. מער געלט וועט זיין אוועילעבל פאר וועטעראנען ארגאניזאציעס דורך צוקונפטיגע רונדעס פון דעם וועטעראנען'ס נאן-פראפיט קאפיטאל פראגראם.

"ניו יארק'ס סערוויס מיטגלידער און זייערע באליבטע האבן זיך גאר שטארק אוועקגעגעבן צו באשיצן אונזער דעמאקראטיע, און עס קומט זיך זיי צוטריט צו הויכע-קוואליטעט שטיצע און סערוויסעס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נייע וועטעראנען'ס נאן-פראפיט קאפיטאל פראגראם העלפט אנערקענען זייערע ביישטייערונגען דורך צושטעלן קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס מיט די קריטישע הילפסמיטלען זיי דארפן צו סערווירן אונזערע וועטעראנען, סערוויס מיטגלידער, און זייערע פאמיליעס."

דער וועטעראנען'ס נאן-פראפיט קאפיטאל גרענט פראגראם שטייט אלץ א לייכט-טורעם פון שטיצע פאר די וויכטיגע קאמיוניטי איינהייטן און ארגאניזאציעס געטריי צו סערווירן ניו יארק'ס הויכגעשעצטע וועטעראנען, סערוויס מיטגלידער, און זייערע פאמיליעס. דער גרענט שפילט א קריטישע ראלע צו פארזיכערן אז די וויכטיגע ארגאניזאציעס האבן די הילפסמיטלען זיי דארפן פארצוזעצן זייער אומשאצבארע ארבעט אין א זיכערע און אפעקטיוון אויפן. דורך צושטעלן וויכטיגע געלטער, טוט עס פארשטערקערן די ארגאניזאציעס צו פארבעסערן זייערע פאסיליטעטן, פארברייטערן זייערע סערוויסעס, און ענדגילטיג, באווייכערן די לעבנס פון די וואס האבן זיך אוועקגעגעבן פאר די סערוויס פון אונזער פאלק. די וועטעראנען'ס נאן-פראפיט קאפיטאל גרענט פראגראם צייגט גאווערנער האקול'ס אומאויפהערנדע געטריישאפט צו אויפהאלטן די וואוילזיין פון ניו יארק'ס וועטעראנען און זייערע פאמיליעס.

די ארגאניזאציעס וועלן ווערן צוריקבאצאלט פאר קאסטן פארבינדן צו קאפיטאל פארבעסערונגען, מיט געלטער פאר פראיעקטן וואס לויפן צווישן $25,000 און $75,000. דער דארמיטארי אויטאריטעט פון די סטעיט פון ניו יארק (Dormitory Authority of the State of New York, DASNY) פירט אן דעם פראגראם צוזאמען מיט דער דעפארטמענט פון וועטעראנען סערוויסעס. וועטעראנען ארגאניזאציעס

דורכאויס די סטעיט וועלן נוצן די געלט פאר נייע דעכער, ADA-קאמפלייענט אויפפרישונגען און קאך און מיטגעטיילטע פלאץ פארערכטונגען צווישן אנדערע נויטיגע פארבעסערונגען אין דעם קאפיטאל ראיאן (7), צענטראלע ניו יארק (3), פינגער לעיקס (3), לאנג איילאנד (9), מיד-האדסאן (6), ניו יארק סיטי (1), נארט קאנטרי (3), און וועסטערן ניו יארק (7). א ליסטע פון גרענטס געפונט זיך [דא](#).

געלט דורך די וועטעראנען'ס נאן-פראפיט קאפיטאל פראגראם ווערט צוגעשטעלט פאר ארקיטעקטור, אויסשטעל, ענדזשינירינג, בוי-ארבעט, איבערבויען, איבערמאכן אדער אויסברייטונג פון א בארעכטיגטע פאסיליטעט; און קויפן בארעכטיגטע איינריכטונגען אדער געצייג.

**אפטיילונג פון וועטעראנען'ס סערוויסעס קאמיסיאנער וויוויאנע דיקאהען האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו אונזערע וועטעראנען איז פולקאם. דער וועטעראנען'ס נאן-פראפיט קאפיטאל פראגראם, מיט 39 געניסער וואס האבן זיך עס פארדינט, איז אן עדות צו איר גרייטקייט צו פארבעסערן סערוויסעס פאר אונזערע וועטעראנען, סערוויס מיטגלידער, און זייערע פאמיליעס. צוזאמען, בויען מיר א ליכטיגערע צוקונפט פאר דו וואס האבן אוועקגעגעבן אזוי פיל פאר אונזער פאלק."

**<u>וועגן דער אפטיילונג פון וועטעראנען'ס סערוויסעס</u>**
די [ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון וועטעראן'ס סערוויסעס](#), וועלכע האט סערווירט אלץ דער סטעיט'ס אדוואקאסי אגענטור פאר וועטעראנען, סערוויס מיטגלידער, און מיליטערישע פאמיליעס זינט 1945, האלט אויף אן א ברייטע אגענטור'ס איבערגעגעבנקייט פון סערווירן אלע וועטעראנען, סערוויס מיטגלידער, און מיליטערישע פאמיליעס מיט א ברייטע אויסוואל פון חזרה פלעצער, אריינגערעכנט קלאגעס און אפיעלס פאר בענעפיטן פון דעם פאראייניגטע שטאטן אפטיילונג פון וועטעראנען ענינים, ארויסלאזן אפגרעיד אפיעלס צו דער פאראייניגטע שטאטן אפטיילונג פון באשיצונג, און קלאגעס פאר ניו יארק סטעיט בענעפיטן. וועטעראנען, סערוויס מיטגלידער, און מיליטערישע פאמיליעס ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיטן אפטיילונג אויף [888-838-7697](#) אדער [איר וועבזייטל](#) נאכצוקומען - פערזענליך אדער פונדערהיים - מיט אן אנערקענטע וועטעראנען בענעפיטס ראטגעבער צו אדרעסירן זייערע געברויכן און באקומען דעם פולע מאס פון בענעפיטן וואס זיי האבן פארדינט. פאלגט נאך DVS אויף [פעיסבוק](#), [אינסטאגראם](#) און [טוויטער](#).

**<u>וועגן DASNY</u>**
געגרינדעט אין 1944, DASNY איז ניו יארק סטעיט'ס קאפיטאל פראיעקט אנטוויקלונג אויטאריטעט. זי פינאנצט אין בויט שטאנדהאפטיגע און קרעפטיגע סייענס, געזונטהייט און עדיוקעישאן אינסטיטוציעס וואס העלפן פארשטערקערן ניו יארק קאמיוניטיס און שאפן ארבעט. עס איז איינע פון די גרעסטע ארויסגעבער פון שטייער-פריי באנדס אינעם לאנד, ערלויבנדיג דער סטעיט, לאקאלע רעגירונגען און געוויסע נאן-פראפיט ארגאניזאציעס צו באצאלן און בויען ביליגער. DASNY איז אויך א פראדאקטיווע פובליק בויער מיט א קאנסטראקציע פייפליניע פון מער ווי 1,000 פראיעקטן ביי א שאצונג פון בערך $9.3 ביליאן פון מערץ 31, 2023. מער אינפארמאציע אויף DASNY קען מען טרעפן [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418